**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/02/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט פארענדיגונג פון טראנספארמאטיווע לופטפעלד אויפלעבונג פראיעקטן אין ראטשעסטער און אגדענסבורג

***פראיעקטן פארענדיגט דורך גאווערנער'ס 'אפסטעיט לופטפעלד עקאנאמישע אנטוויקלונג און אויפלעבונג פארמעסט'***

***18 מיליאן דאלאר צוגעשטעלט פאר פרעדעריק דאָגלעס גרעיטער ראטשעסטער אינטערנאציאנאלע לופטפעלד ערמעגליכט ארומנעמיגע פארבעסערונגען צו מאדערניזירן לופטפעלד קאמפלעקס בשעת'ן אויסברייטערן קולטורישע און קאמיוניטי ערטער***

***18 מיליאן דאלאר צוגעשטעלט פאר אגדענסבורג אינטערנאציאנאלע לופטפעלד שטעלט אהער מאדערנע פארט אריין און ארויס פון די נארט קאנטרי***

***בילדער פון די נייע פרעדעריק דאָגלעס גרעיטער ראטשעסטער אינטערנאציאנאלע לופטפעלד פארעפנטליכט [דא](#)***

***בילדער פון די נייע אגדענסבורג אינטערנאציאנאלע לופטפעלד פארעפנטליכט [דא](#)***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט אנאנסירט די פארענדיגונג פון צוויי טראנספארמאטיווע לופטפעלד פראיעקטן אין ראטשעסטער און אגדענסבורג, געשטיצט דורך 36 מיליאן דאלאר אין סטעיט פינאנצירונג אונטער די גאווערנער'ס 230 מיליאן דאלארדיגע 'אפסטעיט לופטפעלד עקאנאמישע אנטוויקלונג און אויפלעבונג פארמעסט' ( Upstate Airport Economic Development and Revitalization Competition). פרעדעריק דאָגלעס גרעיטער ראטשעסטער אינטערנאציאנאלע לופטפעלד'ס 38 מיליאן דאלארדיגער פראיעקט האט באקומען 18 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג פון די פארמעסט צו טראנספארמירן די גאנצע לופטפעלד קאמפלעקס דורך ארכיטעקטורישע, שיינקייט און מאדערניזירונג פארבעסערונגען דעזיינט צו אהערשטעלן אן ערפארונג פאר פאסאנזשירן וואס פאסט זיך פאר רייזנדע אין די 21'סטע יאר הונדערט. אין צוגאב, האט אגדענסבורג אינטערנאציאנאלע לופטפעלד באקומען 18 מיליאן דאלאר פאר איר 25 מיליאן דאלארדיגע אויסברייטערונג און רענאוואציע פראיעקט צו גיבן פאר רייזנדע א גלאטע, ערשט-קלאסיגע ערפארונג און מאדערנע איינריכטונגען, אין די צייט וואס א ברייטע זאל מיט פארשידענע צוועקן שטעלט צו א בויגזאמע פלאץ גרייט צו אפהאלטן בירגערליכע צוזאמקומען, קאנפערענצן און ביזנעס באגעגענישן.

"איין פראיעקט אויף א מאל, טוהען מיר טראנספארמירן לופטפעלדער אריבער גאנץ ניו יארק, בארייכערנדיג די ערפארונג פאר פאסאנזשירן, ארייברענגענדיג עקאנאמישע אקטיוויטעט אין לאקאלע עקאנאמיעס און שאפנדיג מער ווארעם אויפנעמנדע און ווירקזאמע סערוויסעס פאר רייזנדע", **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "אגדענסבורג אינטערנאציאנאלע לופטפעלד איז א קריטישע

עקאנאמישע טרייב קראפט פאר די נארט קאנטרי, אין די צייט וואס פרעדעריק דאָגלעס גרעיטער ראטשעסטער אינטערנאציאנאלע לופטפעלד איז אן אמת'ע אריינגאנג טויער פאר רייזנדע וועלכע זוכן צו אנטדעקן די וואונדערס פון דעם פינגער לעיקס ראיאן. מיט די טראנספארמאטיווע מאדערניזירונגען יעצט פארטיג, זענעןביידע לופטפעלדער גרייט זיך צו הייבן צו נייע הייעכן, צוציהענדיג מער רייזנדע, שטיצנדיג לאקאלע ביזנעסער און שיינענדיג א שטארקע ליכט אויף די ראיאנען און די מענטשן וועלכע פאררופן זיי א היים."

**ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט (Department of Transportation) קאמישאנער, Marie Therese Dominguez (מערי טעריזע דאמינגעז), האט געזאגט,** "גאווערנער Hochul (האקול)'ס פארפליכטונג צו אונזערע אפסטעיט לופטפעלדער פלאסטערט אויס א סאלידע 'ראָנוועי' צו אנגרייטן די שטעט ראטשעסטער און אגדענסבורג זיך צו הייבן אין די לופט, און אין די פראצעדור ברענגענדיג שיין-באצאלטע דזשאבס און פארשטערקערנדיג ראיאנישע טוריזם און טרייבנדיג די לאקאלע עקאנאמיעס אויף פאראויס. איך האב פערזענליך באזוכט צענדליגע לופטפעלדער פון באפעלאו ביז לאנג איילענד, און די ארבעט וואס ווערט געטוהן א דאנק די גאווערנער'ס אפסטעיט לופטפעלד עקאנאמישע אנטוויקלונג און אויפלעבונג פארמעסט איז באמת טראנספארמאטיוו, אוועקשטעלנדיג קאמיוניטיס אריבער אפסטעיט ניו יארק אין פאזיציע צו קענען קאנקורירן און געוואונען אויף א נאציאנאלע און גלאבאלע פארנעם."

אין צוגאב צו ראטשעסטער און אגדענסבורג, זענען פיר אפסטעיט לופטפעלד פראיעקטן פארענדיגט געווארן ביז היינט אונטער די פארמעסט, אריינרעכענענדיג גרעיטער בינגהעמטאן/ Edwin A. Link Field לופטפעלד, סאראטאָגע קאונטי לופטפעלד, סירעקיוס הענקאָק אינטערנאציאנאלע לופטפעלד און סאָליוואן קאונטי אינטערנאציאנאלע לופטפעלד. ארבעט וועט פארזעצן אויף פראיעקטן ביי נאך דריי לופטפעלדער אין 2026, אריינרעכענענדיג אלבאני אינטערנאציאנאלע לופטפעלד, עדיראַנדעק ראיאנישע לופטפעלד און וואטערטאון אינטערנאציאנאלע לופטפעלד.

**פרעדעריק דאָגלעס גרעיטער ראטשעסטער אינטערנאציאנאלע לופטפעלד**

דער לעצטנס פארענדיגטער פראיעקט ביי פרעדעריק דאָגלעס גרעיטער ראטשעסטער אינטערנאציאנאלע לופטפעלד האט אריינגערעכנט אן ארומנעמיגע אויפלעבונג פון די לופטפעלד טערמינאל פלאץ און אזוי אויך א סעריע פון מאדערניזירונגען אריבער די גאנצע קאמפלעקס. טערמינאל פארבעסערונגען האבן אריינגערעכנט די איבערגעמאכטע דעזיין פון די הויפט אריינגאנג, טיקעט און געפעק אפנעמונג פלעצער צו העלפן רייזנדע זיך רוקן מער גלאטערהייט, געשטיצט דורך די צוגאב פון נאטורליכע באלייכטונג, LED לעקטערס און מאדערנעזירטע וועגווייזנדע שילדן. צוגאבליכע ארבעט האט אריינגערעכנט אן אויסגעברייטערטע דרויסנדיגע אריינגאנג דעכל, פארבעסערטע שילדן און די אנטוויקלונג פון א טעלעפאן עפ וואס גיבט לעבעדיגע אינפארמאציע איבער פארקינג, פלי רייזעס און די לופטפעלד. די פארבעסערונגען, צוזאמגעפארט מיט ברייטערע מאדערניזירונגען צו די קאמפלעקס – ווי די נייע פארקינג גאראזש וועגווייזונג סיסטעם, דריי נייע עלעוועיטארס, זיכערהייט פארבעסערונגען, קאנסטרוקציע פון א לופטפעלד שאסיי ראַונד-עבאַוט און די ערזעצונג פון פיר בריקן וואס שטרעקן זיך ארויס צו די עראפלאן – זענען דעזיינט צו מאדערניזירן אפעראציעס און פארבעסערן די אלגעמיינע ערפארונג פאר פאסאנזשירן.

דער פראיעקט האט אויך אריינגעברענגט צוויי גרויסארטיגע קולטורישע און קאמיוניטי-קאנצענטרירטע צוגאבן: אן אויסגעברייטערטע Veterans Area און א נייע Frederick Douglass Cultural Area. די William T. Perkins Jr. Veterans Area איז אן אנדענק צו מארין קארפאראל William T. Perkins Jr. (וויליאם ט. פערקינס דזשוניאר), א וויעטנאם קריג פאטאגראפירער פון ראטשעסטער וועלכער האט מקריב געווען זיין אייגענע לעבן צו ראטעווען די לעבנס פון דריי אנדערע סאלדאטן. די פלאץ שטעלט

יעצט צו א גרעסערע, ספעציעל-געווידמעטע שטח צו צוריקטראכטן און זיך צוזאמקומען, מיט אויסשטעלונגען וועלכע באעהרן מיליטער מיטגלידער פון יעדע צווייג פון די מיליטער. די Frederick Douglass Legacy Area האט טראנספארמירט די געוועזענע ארויסבליק גאלעריע צו א חינוך'דיגע ערפארונג, פארשטעלנדיג היסטארישע דאקומענטן, חפצים און אויסשטעלונגען וועלכע הייבן ארויס די השפעה פון Douglass (דאָגלעס) אין זיין צייט אין ראטשעסטער.

זינט די ערשטע פאסאנזשיר פליגער האבן זיך געהויבן אין די לופט אין 1927, איז די פרעדעריק דאָגלעס גרעיטער ראטשעסטער אינטערנאציאנאלע לופטפעלד פלאצירט פיר מייל דרום-מערב פון די סיטי אָוו ראטשעסטער, און עס האט צוגעשטעלט וויכטיגע לופט רייזע סערוויס פאר שטעט אריבער די צפון-מזרח און גרויסע צענטערן און די מיטל-מערב, פארבינדנדיג דעם פינגער לעיקס ראיאן מיט די רעשט פון דאס לאנד און וועלט. היינט איז עס די פיפט-מערסט-פארנומענע לופטפעלד אין ניו יארק סטעיט, באדינענדיג אומגעפער 2.5 מיליאן פאסאנזשירן פער יאר דורך לופטליניעס ווי Allegiant, American, Delta, JetBlue, Southwest, Spirit און United.

**אגדענסבורג אינטערנאציאנאלע לופטפעלד**

דער פראיעקט ביי אגדענסבורג אינטערנאציאנאלע לופטפעלד פארוואנדלט די איינריכטונג אין א לעבהאפטיגע ארייננגאנג טויער צו ניו יארק'ס נארט קאנטרי און דרום-מזרח אָנטאַריאו, קאנאדע — שטיצנדיג רייזע און עקאנאמישע געלעגנהייטן אריבער דעם ראיאן און ווייטער. די מאדערניזירטע לופטפעלד, געפונענדיג זיך בלויז מינוטן אוועק פון די פאראייניגטע שטאטן-קאנאדישע גרעניץ, רעכנט יעצט אריין א פולשטענדיג איבערגעארבעטע פאסאנזשיר ערפארונג מיט אויסגעברייטערטע טשעק-אין, טיקעטס און באגאזש אפגעבונג פלעצער; א מאדערנע נייע דעכל אויף די זייט פון די שאסיי; און מאדערנע פאסאנזשיר אינפארמאציע סקרינס וואס האלטן רייזנדע אינפארמירט און זיך רוקנדיג גלאטערהייט פון די ארייננגאנג צו זייערע פליגערס.

אריגינעל געבויט אין 1980, איז די לופטפעלד איבערגעארבעט געווארן איבער די יארן צו ערפילן פארגרעסערטע פארלאנג פון פאסאנזשירן און צו אקאמאדירן גרעסערע פליגער. דער פולשטענדיגער רענאוואציע פראיעקט מאכט זיכער אז די איינריכטונג איז גרייט פאר איר קומענדיגע עפאכע פון דינסט, בשעת'ן אויך אוועקשטעלן די לופטפעלד אין פאזיציע אלס א מאכטפולע עקאנאמישע טרייב קראפט אין דעם ראיאן, צוציהענדיג נייע באזיכער און ביזנעסער. מער דערפון, האט דער קאנסטרוקציע פראיעקט אליין געשאפן 195 שיין-באצאלטע יוניאן דזשאבס.

פארבעסערונגען רעכנענען אריין:

- אויסברייטערונג פון די לאבי פאר טשעק-אין, טיקעטס און באגאזש ארייננגעבונג
- נאך בית הכסא'ס
- אויסברייטערונג פון די פלעצער פאר אונטערזוכונגען, אפנעמען באגאזש און געשעפטן
- פארבעסערטע סעקיוריטי טירן און ספרינקלערס
- פארבעסערטע ווי-פיי פאר די בענעפיט פון די פאסאנזשירן
- נייע רייניגונג און וואסער אנפילן סטאנציעס
- פארבעסערטע דיסאינפעקציע רייניגונג אין די HVAC סיסטעם
- אן אויסגעברייטערטע ארייננגאנג דעכל מיט א לענגערע פלאץ צו אויפנעמען און אראפלאזן פאסאנזשירן פון קארן
- א דרויסנדיגע הויף מיט טישן, בענקלעך און פלאנצונגען
- עלעקטרישע פאסאנזשיר קארן/עקוויפמענט טשארדזשינג סטאנציעס און צוקונפטיגע אינסטאלאציע פון סאלאר פאנעלן

- זיכערהייט פארבעסערונגען פאר פאסאנזשירן וואס גייען צופיס צווישן די עראפלאן און די טערמינאל געביידע
- רענאוואציע פון די דרויסנדיגע פאדערשטע ווענט

אין סעפטעמבער פון 2022 האט גאווערנער Hochul (האקול) אנאנסירט אז 230 מיליאן דאלאר אין גרענטס וועלן ארויסגעלייגט ווערן פאר ניין אפסטעיט לופטפעלדער פאר אויפלעבונג פראיעקטן וועלכע פרישן איבער און מאדערניזירן ווייטער לופטפעלדער אריבער גאנץ אפסטעיט ניו יארק. די אפסטעיט לופטפעלד עקאנאמישע אנטוויקלונג און אויפלעבונג פארמעסט, אנגעפירט דורך די ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט, איז אפן געווען פאר אפסטעיט קאמערציעלע פאסאנזשיר סערוויס לופטפעלדער און פאר לופטפעלדער וועלכע שטעלן צו ספעציאלזירטע סערוויס פאר קאמערציעלע פליגער און/אדער פריוואטע ביזנעס פליגער. אפליקאנטן זענען געמוטיגט געווארן צו אפלייען פאר פינאנצירונג פאר אן איינצלנער פראיעקט אדער פאר א פראגראם פון עטליכע פראיעקטן צו העלפן נאכקומען די פארלאנג פון די 21'סטע יאר הונדערט. פראיעקטן וועלכע זענען אריינגעגעבן געווארן דורך בארעכטיגטע לופטפעלדער צו איבערגעקוקט ווערן זענען באטראכט געווארן לויט אוועקגעשטעלטע באדינגונגען, אריינגערעכנט – צווישן אנדערע – שעפערישקייט פון די דעזיין, פאסאנזשיר באקוועמליכקייטן און ערפארונג, ווירקזאמקייט פון אפעראציעס און עקאנאמישע עפעקטיוויקייט פאר די לופטפעלד'ס ראיאן.

**קאנגרעסמאן Joe Morelle (דזשאָו מארעלי) האט געזאגט,** "די מאדערניזירונגען צו אונזער אייקאנישע פרעדעריק דאָגלעס גרעיטער ראטשעסטער אינטערנאציאנאלע לופטפעלד וועלן העלפן צושטעלן א בעסערע ערפארונג פאר געסט און איינוואוינער צוגלייך. איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער Hochul (האקול) פארן שטיין אין שפיץ פון די אינוועסטירונגען און פאר איר אנגייענדע ארבעט אלס א קעמפערין פאר אלע ניו יארקער. איך קוק ארויס צו אונזערע אנגייענדע באמיאונגען צו פאראויס שטופן און ארויסווייזן אונזער ראיאן."

**סענאטאר Chuck Schumer (טשאק שומער) האט געזאגט,** "אונזערע אפסטעיט ניו יארק לופטפעלדער זענען קריטישע טראנספארטאציע און עקאנאמישע צענטערן, און די פארענדיגונג פון טראנספארמאטיווע מאדערניזירונגען ביי ראטשעסטער אינטערנאציאנאלע לופטפעלד און אגדענסבורג אינטערנאציאנאלע לופטפעלד זענען קריטישע שריט צו זיכער מאכן אז אונזערע לופטפעלדער ערפילן די פארלאנגען פון די 21'סטע יאר הונדערט — מיט באררייכערטע אייגנשאפטן וועלכע וועלן מאכן רייזעס זיכערער און גלאטער. איך אפלאדיר גאווערנער Hochul (האקול) פאר איר פארפליכטונג צו אונטערטרייבן אפסטעיט ניו יארק'ס וואוקס, און איך וועל פארזעצן צו אהערשטעלן פעדעראלע אינוועסטירונגען צו העלפן ניו יארק'ס לופטפעלדער דערגרייכן נייע הייעכן."

**סענאטארשע Kirsten Gillibrand (קירסטען דזשיליבראנד) האט געזאגט,** "אונזערע לופטפעלדער זענען קריטישע טויערן פאר האנדל און טוריזם, און דערפאר טוה איך קעמפן זיי צו מאדערניזירן אריבער אונזער סטעיט. איך בין שטאלץ אז די אויפלעבונג פראיעקטן אין ראטשעסטער און אגדענסבורג וועלן מאדערניזירן פארעלטערטע אינפראסטרוקטור און נעמען די לופטפעלדער צו נייע הייעכן. איך וועל פארזעצן צו ארבעטן צו פארשטערקערן אינפראסטרוקטור און צו אהערשטעלן די פעדעראלע מיטלען וועלכע זענען נויטיג צו באררייכערן די ערפארונג פון פאסאנזשירן און שטיצן רייזנדע אריבער ניו יארק."

**סטעיט סענאטאר Jeremy Cooney (דזשערמי קוני) האט געזאגט,** "פאר ראטשעסטער-געגנט איינוואוינער און באזוכער צוגלייך, איז די פרעדעריק דאָגלעס גרעיטער ראטשעסטער אינטערנאציאנאלע לופטפעלד אן אריינגאנג טויער צו אונזער קאמיוניטי. די פארענדיגונג פון דעם פראיעקט מאכט זיכער אז די אריינגאנג טויער וועט אויסלערנען איבער אונזער סיטי'ס אמאל, לאזן א באדייטנדע השפעה און געבן א מאדערנע, גלאטע ערפארונג פאר רייזנדע. איך וויל באדאנקען גאווערנער Hochul (האקול) און

קאמישאנער Dominguez (דאמינגעז) פארן גיבן פריאריטעט פאר ראטשעסטער און איבערגעבן פאר די טובה פון אונזער קאמיוניטי."

**אסעמבלי מיטגליד Harry B. Bronson (הערי ב. בראנסאן) האט געזאגט,** "די רענאוואציעס זענען מער פון מאדערניזירטע איינריכטונגען — זיי שפיגלען אפ אונזער פארפליכטונג צו באערן Frederick Douglass (פרעדעריק דאגלעס)'ס אויסערגעווענטליכע לעבן און שאפן בשעת'ן וואקסן פאר אנגייענדע וואוקס. גאווערנער Hochul (האקול)'ס 18 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג דורך די אפסטעיט לופטפעלד עקאנאמישע אנטוויקלונג און אויפלעבונג פארמעסט ווייזט ארויס וואס איז מעגליך ווען מיר גיבן פריאריטעט סיי פאר אונזער היסטאריע און סיי פאר אונזער צוקונפט. איך בין באזונדערס שטאלץ אז ראטשעסטער'ס פעהיגע יוניאן ארבייטער זענען די וועלכע בויען די פארבעסערונגען, אריינרעכנענדיג די בארייכערטע וועטעראן'ס טערמינאל, זיכער מאכנדיג אז אונזער קאמיוניטי טוט דירעקט בענעפיטירן פון די טראנספארמאציע."

**אסעמבלי מיטגליד Demond Meeks (דעימאנד מיקס) האט געזאגט,** "אינוועסטירן אין די פרעדעריק דאָגלעס גרעיטער ראטשעסטער אינטערנאציאנאלע לופטפעלד איז אן אינוועסטירונג אין אונזער קאמיוניטי'ס צוקונפט. די מאדערניזירונגען באערן אונזער היסטאריע, פארשטערקערן אונזער ראיאנישע עקאנאמיע און שאפן א מער ווארעם אויפנעמנדע ערפארונג פאר פאמיליעס, ארבייטער און באזיכער. איך בין באזונדערס שטאלץ צו זעהן Frederick Douglass (פרעדעריק דאגלעס)'ס לעבן און שאפן ווערנדיג באעהרט אין אזא באדייטפולע וועג, דערמאנענדיג רייזנדע פון ארום די וועלט איבער ראטשעסטער'ס טיפע ווארצלען אין גערעכטיגקייט און פארשריט. איך אפלאדיר די פארפליכטונג צו מאדערניזירן אונזער אינפראסטרוקטור בשעת'ן פייערן די מענטשן און געשיכטעס פאר וועלכע אונזער קאמיוניטי איז באקאנט."

**מאנראו קאונטי עקזעקיוטיוו Adam Bello (עדעם בעלאָו) האט געזאגט,** "עס איז נאר דא איין טשאנס צו מאכן אן ערשטע איינדרוק, און א דאנק גאווערנער Hochul (האקול) און קאמישאנער Dominguez (דאמינגעז), ווערן באזיכער צו אונזער לופטפעלד יעצט באגרוסט מיט ערשט-קלאסיגע לופטפעלד איינריכטונגען און סערוויסעס. פון די פארגעשריטענע פארקינג לאט וועגווייזונג סיסטעם, נייע שילדן ביי די פרעדעריק דאגלעס לופטפעלד, די Douglass Airfield Observatory און די Corporal William T. Perkins Veterans פלאץ און ביז די נייע עלעוועיטארס און טערמינאל רענאוואציעס — איז עס גרינג צו זעהן די ווירקונג פון אונזער אינוועסטירונג. אבער דער פראיעקט האט אויך געמאכט אינפראסטרוקטור מאדערניזירונגען, אריינרעכנענדיג פראכט געביידע און באגאזש בעלט רענאוואציעס, HVAC פארבעסערונגען און צוגעלייגט פיר נייע בריקן וואס שטרעקן זיך ארויס צו די עראפלאן. דאס אלעס וואלט נישט מעגליך געווען אן די שטיצע פון גאווערנער Hochul (האקול) און קאמישאנער Dominguez (דאמינגעז)."

**סיטי אָוו ראטשעסטער מעיאר, Malik D. Evans (מאליק ד. עוואנס), האט געזאגט,** "איך בין באמת דאנקבאר פאר די פארענדיגונג פון די פרעדעריק דאָגלעס גרעיטער ראטשעסטער אינטערנאציאנאלע לופטפעלד, וואס סימבאליזירט אונזער רייכע היסטאריע בשעת'ן זיך גרייטן פאר די מעגליכקייטן וועלכע ליגן אין די צוקונפט. די אויסברייטערונג פון די Veterans Area און די אריינרעכענונג פון א נייע Frederick Douglass Legacy Area, באעהרנדיג די מעסעדזש פון פרייהייט און גערעכטיגקייט, ארויסווייזנדיג אונזער שוואונג אויף פאראויס, אינספירירנדיג האפענונג און ברענגענדיג געלעגנהייטן פאר יעדן. איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) פאר איר אנגייענדע פארפליכטונג און שטיצע פאר אונזער געוואלדיגע שטאט, אירע איינוואוינער און אלע באזיכער וועלכען וועלן דורכפארן אריבער די ווארעם-אויפנעמנדע, ערשט-קלאסיגע לופטפעלד."

**סיטי אָוו אגדענסבורג מעיאר, Michael J. Tooley (מייקעל דזש. טו֞לי), האט געזאגט,** "היינט איז א באגייסטערנדער טאג פאר די סיטי אָוו אגדענסבורג און אונזערע שכנים אויף ביידע זייטן פון די סעינט לאורענס ריווער אזוי ווי מיר פייערן די עפענונג פון The Great Room זאל ביי די אגדענסבורג אינטערנאציאנאלע לופטפעלד. די פארענדיגונג פון די גרויסארטיגע רענאוואציע פון די לופטפעלד'ס טערמינאל פארוואנדלט די איינריכטונג אין א ראיאנישע טראנספארטאציע צענטער וואס וועט פיל בענעפיטירן אונזער לאקאלע עקאנאמיע מיט א פארמערונג אין טוריזם און ביזנעס געלעגנהייטן. די באריכערונגען וועלן נישט נאר גיבן פאר פאסאנזשירן א מער הנאה'דיגע פלי רייזע ערפארונג, נאר די נייע זאל פאר מערערע צוועקן וועט צושטעלן פאר די פובליקום גאר-נויטיגע פלאץ פאר די קאמיוניטי פאר פריוואטע און עפנטליכע צוזאמקומען. איך דרוק נאכאמאל אויס מיין הכרת הטוב פאר די OBPA אדמיניסטראציע און באורד אָוו דירעקטארס פאר זייערע באמיאונגען ביים אנטוויקלען דעם פראיעקט. די וויכטיגעביישטייערנדע הינזיכט צו דעם פראיעקט איז געווען די 18 מיליאן דאלאר געשאנקען דורך גאווערנער Hochul (האקול)
פון איר 230 מיליאן דאלארדיגע אפסטעיט לופטפעלד עקאנאמישע אנטוויקלונג און אויפלעבונג פארמעסט. אין נאמען פון די סיטי אָוו אגדענסבורג, באדאנק איך גאווערנער Hochul (האקול) פארן ארויסווייזן איר אנגייענדע שטיצע פאר די סיטי אָוו אגדענסבורג און פאר די נארט קאנטרי דורך די גרענט פאר די OBPA."

**איבער די טראנספארטאציע דעפארטמענט**
די מיסיע פון די ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט איז צו צושטעלן א זיכערע, פארלעסליכע, גערעכטע און שטאנדהאפטיגע טראנספארטאציע סיסטעם וואס פארבינדט קאמיוניטיס, באריכערט די קוואליטעט פון לעבן, היט אויף די סביבה און שטיצט די עקאנאמישע וואוילזיין פון ניו יארק סטעיט.

לעבנס זענען געוואנדן דערויף — פארט שטייטער און רוקט זיך אריבער פאר הייוועי ארבייטער! פאר מער אינפארמאציע, טרעפט זיי אויף Facebook, פאַלאָוט זיי אויף X אדער Instagram, אדער באזוכט זייער וועבזייטל. פאר די לעצטע רייזע אינפארמאציע, רופט 511, באזוכט www.511NY.org אדער דאַונלאָודט די אומזיסטע NY511 טעלעפאן עפ.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן